Human Resources Administration
Department of Social Services

MAP-2096p (Y) 12/02/2024

# אנווייזונגען צו ווידער באנייען

שריט 1 ענטפערט אלע פראגעס אויף די באנייאונגס בויגן (MAP-909e). אויב די אנווייזונגען זאגן אייך אז איר דארפט צושטעלן באווייז, זעט די אונטן און אונטערשטע זייט פון די בלאט פון וואס איר קענט נוצן אלס באווייז.

שריט 2 די **פינאנציעלע אויפהאלטונג ביים באנייאונגס בויגן**, אויף בלאט 8 פון די **באנייאונגס מעלדונג** בויגן (MAP-909e), איז בלויז נויטיג אויב אייער טייל פון מאנאטליכע האוזינג אויסגאבן זענען מער ווי 70% פון אייער גראוס מאנאטליכע אינקאם.

שריט 3 אויב איר זענט איינגעשריבן אין א מענעדזשד לאנג-טערמיניגע קעיר פלאן, פארבינדט זיך מיט זיי אויב איר דארפט הילף אויסצופילן אייער באנייאונגס בויגן.

שריט 4 אויב איר האט א מאן/ווייב וועלכע געבט זיך נישט איין פאר Medicaid, פילט אויס און שרייבט אונטער די MAP-3179a (Y) ערלויבעניש פאר באשטעטיגונג פון רעסאורסעס (לעגאלע מאן/ווייב).

שריט 5 שיקט צוריק אייער פארענדיגטע **באנייאונגס** בויגן, די MAP-3179a (Y) ערלויבעניש פאר באשטעטיגונג פון רעסאורסעס (לעגאלע מאן/ווייב) און באווייזן צו אונז דורך נוצן די בייגעלייגטע פאסט-באצאלטע קאנווערט. ביטע ענטפערט איידער דער דאטום אויסגערעכנט אויף בלאט 1 פון די באנייאונגס בויגן (MAP-909e).

**דערמאנונג:** אויב איר זענט פארהייראט, **דארפט איר און אייער מאן/ווייב** אונטערשרייבן בלאט 7 פון די באנייאונגס מעלדונג.

שריט 6 אויב איר האט נישט אונזער קאנווערט, שיקט די פעקל דורך פאסט צו:

MAIL RENEWAL PROGRAM
HRA/MEDICAL ASSISTANCE PROGRAM
PO BOX 329060
BROOKLYN, NY 11232-9823

**געדענקט -** אויב איר פאלגט נישט אויס די אנווייזונגען קען אייער דעקונג פאר Medicaid זיך ענדיגן.

אויב איר שיקט אייער דאקומענטן דורך פאסט צו אונז איידער דער דאטום אויסגערעכנט אויף אייער באנייאונגס בויגן, קענען אייער יעצטיגע בענעפיטן פארזעצן **אומגעטוישט** ביז א ווייטערדיגע מעלדונג.

**באמערקונג:**

- איר דארפט נישט שיקן באווייז פון אינקאם און רעסאורסעס סיידן די באנייאונגס בויגן זאגט אייך דאס צו טון. די סומע פון אינקאם וואס איר באריכט וועט ווערן צוגעגליכן צו אוועילעבל קאמפיוטער צוגלייכונגען. אויב די רעזולטאטן פון די קאמפיוטער צוגלייכונגען זענען אנדערש ווי די אינפארמאציע וואס איר געבט אונז, וועט די קאמפיוטער צוגלייכונגען רעזולטאטן ווערן גענוצט ביים באשטימען אייער בארעכטיגונג. איר קענט שיקן באווייז פון אייער אינקאם און רעסאורסעס צו מאכן זיכער אז מיר האבן די ריכטיגע אינפארמאציע. אויב איר וועלט אויס עס נישט צו שיקן יעצט, קען מען אייך שפעטער בעטן צו ווייזן באווייז פון אייער אינקאם און/אדער רעסאורסעס. די טאוול אויף די הונטערשטע טייל פון די בלאט ווייזט אייך וואס קען ווערן גענוצט אלס באווייז.
- אויב איר האט זיך יעצט אריבערגעצויגן פון ניו יארק סיטי צו אן אנדערע קאונטי אין ניו יארק סטעיט, אבער האט נישט געעפנט א Medicaid קעיס וואו איר וואוינט יעצט, זאלט איר אויספילן און צוריקשיקן די באנייאונגס בויגן (MAP-909e) צו אונז. מיר וועלן אייך העלפן מיט אריבערלייגן אייער דעקונג.

**אינקאם און רעסאורס דאקומענטן**: אלע אינקאם און רעסאורס דאקומענטן דארפן זיין יעצטיג. שיקט **נישט** קיין אריגינעלע דאקומענטן - בלויז קאפיעס.

**אינקאם:** באקאנטע סארטן אינקאם און גוטע באווייזן פון יענע אינקאם נעמען אריין די פאלגנדע:

| סארט אינקאם | דאקומענטאציע | | סארט אינקאם | דאקומענטאציע |
|---|---|---|---|---|
| פארדינטע אינקאם פון אן ארבעטסגעבער | יעצטיגע פעיטשעק/סטאבס ([4] פיר נאכאנאנדע וואכן) אדער בריוו פון ארבעטסגעבער | | ארבעטער'ס פארגיטיגונג | אווארד בריוו אדער טשעק סטאב |
| זעלבסט-עמפלוימענט אינקאם | יעצטיגע אונטערגעשריבענע אינקאם טעקס ריטארן און אלע סקעדזשולס אדער רעקארד פון פארדינסטן און אויסגאבן | | וועטעראן'ס בענעפיטן | אווארד בריוו, בענעפיט טשעק סטאב, אדער פארבינדונג פון וועטעראנס אדמיניסטראציע |
| רענטאל/דינגער-איינשטייער אינקאם | בריוו פון דינגער, איינשטייער, טענענט אדער טשעק סטאב | | מיליטערישע באצאלט | אווארד בריוו אדער טשעק סטאב |
| ארבעט באזירטע באצאלט פארן זיין קראנק/דיסאביליטי אינקאם | אווארד בריוו/סערטיפיקאט, בענעפיט טשעק סטאב, אדער פארבינדונג פון קוואל פון אינקאם | | אינטערעסט/דיווידענדס/ ראיעלטיס | יעצטיגע סטעיטמענט פון באנק, קרעדיט יוניאן, אדער פינאנציעלע אינסטיטוציע, בריוו פון בראוקער, בריוו פון אגענט, אדער 1099 אדער טעקס ריטארן (אויב קיין אנדערע דאקומענטאציע איז אוועילעבל) |
| ארבעטסלאזיגקייט בענעפיטן | אווארד בריוו/סערטיפיקאט, מאנאטליכע בענעפיט סטעיטמענט, פארבינדונג פון די NYS אפטיילונג פון לעיבאר, צעטל פון געניסער'ס אקאונט אינפארמאציע פון די NYS אפטיילונג פון לעיבאר'ס וועבזייטל (www.labor.state.ny.us), אדער קאפיע פון דירעקטע באצאלונג קארטל מיט צעטל | | הילף פון אנדערע פאמיליע מיטגלידער | אונטערגעשריבענע דערקלערונג אדער בריוו פון פאמיליע מיטגלידער |
| פריוואטע פענסיעס/עניויטיס | סטעיטמענט פון פענסיע/ עניויטי | | אינקאם פון א טראסט | טראסט דאקומענט |
| סאושעל סעקיוריטי | אווארד בריוו/סערטיפאקט, יערליכע בענעפיט סטעיטמענט, אדער פארבינדונג פון סאושעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע | | טשיילד סופארט/אלימאני | בריוו פון מענטש וועלכע געבט הילף, בריוו פון געריכט, טשיילד סופארט/אלימאני, טשעק סטאב, קאפיע פון NY עפיקארטל מיט צעטל, קאפיע פון טשיילד סופארט אקאונט אינפארמאציע פון www.newyorkchildsupport.com, אדער קאפיע פון באנק סטעיטמענט וואס צייגט דירעקט דעפאזיט |

**ארבעט:** אויב איר זענט איינגעשריבן אין די Medicaid Buy-In פראגראם פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס וואס ארבעטן (Medicaid Buy-In Program for Working People with Disabilities, MBI-WPD) דארפט איר ווייזן באווייז פון אייער ארבעט. איר קענט אונז שיקן איינס פון די פאלגנדע:

| | | | |
|---|---|---|---|
| דעטאלירטע שריפטליכע סטעיטמענט פון ארבעטסגעבער | | W-2 בויגן | |
| יעצטיגע פעיטשעק/סטאב | | אינקאם טעקס ריטורן | |

**רעסאורסעס:** רעסאורסעס רעכענען אריין קעש וואס איר האט, סעיווינגס און טשעקינג אקאונטס, סערטיפיקאטן פון דעפאזיט, סטאקס, באנדס, טראסט פאנדס, 401Ks, מיטשועל פאנדס, פארמאגן א ביזנעס, פראפערטי וואס איר אדער איינער אין אייער פאמיליע פארמאגן, א.ד.ג.

אנגענומענע באווייז פון ריסאורסעס נעמען אריין:

| | | | |
|---|---|---|---|
| סטעיטמענטס/אקאונטינגס פון די פינאנציעלע אינסטיטוציעס אין וועלכע זיי ווערן געהאלטן | | ריעל עסטעיט אפרעיזעלס/אפשאצונג | |
| קאפיעס פון פאליסיס/סערטיפיקאטן | | פראמיסארי נאוט קאפיעס | |

**MEDICARE טייל C (Medicare Advantage Plan)/פריוואטע העלט אינשורענס:** אויב איר ערהאלט אייער Medicare דעקונג דורך א Medicare Advantage Plan, קענט איר זיין בארעכטיגט צו האבן די קאסט פון אייער פאליסי פרימיומס אראפגענומען פון די אינקאם וואס מיר רעכענען צו באשטימען אייער בארעכטיגונג/אנגייענדע בארעכטיגונג. וויבאלד פלאן פרימיומס זענען פארשידן, דארפט איר אריינגעבן באווייז פון אייער קאסט.

די אינקאם אראפרעכענונג וועט אויך זיין שייך צו אייך אויב איר באצאלט א העלט אינשורענס פרימיום פאר אייער ארבעטסגעבער, אייער יוניאן אדער א דריטע-פארטיי אינשורער.

איר קענט אונז שיקן איינס פון די פאלגנדע:

| | | | |
|---|---|---|---|
| באצאלטע אינוואויס | | צוריקגערופענע טשעק אדער מאני ארדער | |
| קאפיע פון באנק סטעיטמענט צייגנדיג באצאלונג | | פארבינדונג פון אינשורענס פראוויידער וואס ווייזט ערהאלטונג (און דאלאר סומע) פון פרימיום באצאלונג געמאכט | |
| פעיסטאב וואס צייגט פעיראל אראפרעכענונג פון די קאסט/אייער טייל פון די קאסט פון אייער העלט דעקונג, | | | |

**האט איר א מעדיצינישע אדער גייסטישע געזונטהייט צושטאנד אדער באגרעניצונג?** טוט די צושטאנד אייך פארשווערן צו פארשטיין די מעלדונג אדער טון וואס דער מעלדונג בעט? טוט די צושטאנד אייך פארשווערן צו באקומען אנדערע סערוויסעס ביי HRA? **מיר קענען אייך העלפן.** רופט אונז אויף 888-692-6116. איר קענט אויך בעטן הילף ווען איר באזוכט אן HRA אפיס. איר האט א רעכט צו פארלאנגען די סארט הילף לויט די געזעץ.

**קאנסומער וועלכע הערן נישט גוט מיט טעקסט טעלעפאן (TTY) געצייג קענען זיך פארבינדן מיט אונז אויף 718-636-7783 אדער דורך רופן 711**